**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול הייבט ארויס ארבייטער'ס זיכערהייט דורכאויס נאציאנאלע 'געזונט און זיכער' וואך פון אוגוסט 12-18

***ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט גיבט ארויס נייע אנווייזונגען צו באשיצן ארבייטער וואס ארבעטן אינדרויסן אין עקסטרעמע היץ, פארעפנטליכט [דא](#)***

***ניו יארק סטעיט ארבייטער פארגוטיגונג באורד האלט אפ אומזיסטע וועבינארן איבער ארבעטספלאץ זיכערהייט און ארבעטער רעכטן***

גאווערנער קעטי האקול הויבט אן די נאציאנאלע 'געזונט און זיכער' (Safe + Sound) וואך, וואס לויפט צווישן אוגוסט 12-18, מיטן ארויסהייבן ניו יארק סטעיט'ס איניציאטיוון און פראגראמען צו פארזיכערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון ארבייטער אריבער די סטעיט. דאס רעכנט אריין די ניי-אנטוויקלטע [אנווייזונגען](#) פון די סטעיט לעיבאר דעפארטמענט פאר ניו יארק'ס ארבעטסגעבער צו האלטן ארבייטער וואס ארבעטן אינדרויסן זיכער פון עקסטרעמע היץ. סכנות'דיגע אומשטענדן פון עקסטרעמע וועטער ביי די ארבעטספלאץ פירן צו העכערע עקסידענט ראטעס, קראנקהייטן, פארוואונדעטע ווערן און טויטפעלער. זיי קענען אויך אפעקטירן א ביזנעס דורך פארמערטע ארבייטער'ס פארגוטיגונג קלעימס, אינשורענס קאסטן, ארבייטער זיך באנוצנדיג מיט באצאלטע קראנקהייט אורלויב און די ארבייטער זייענדיג וויניגער פראדוקטיוו אין אלגעמיין. די נייע אנווייזונגען ערקלערן וויאזוי צו מעסטן די היץ אינדעקס און רעכנט אויס שריט וואס ארבעטסגעבער דארפן אונטערנעמען ווען די היץ אינדעקס קומט אן צו 80 גראד פארענהייט אדער העכער.

"זיכערע ארבעטספלעצער זענען ערפאלגרייכע ארבעטספלעצער, און ניו יארק סטעיט איז פארפליכטעט צו באשיצן ניו יארק'ס פארשידנארטיגע און בליהענדע ארבעטסקראפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "שטייענדיג אין די 'געזונט און זיכער' וואך, נעמען מיר די געלעגנהייט צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די וועגן אין וועלכע מיר פארבעסערן די געזונטהייט פון ניו יארק'ס ארבייטער און צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט די נויט פאר פראגראמען וואס פארמיידן ארבייטער פון פארוואונדעט ווערן."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (Department of Labor) קאמישאנער, ראבערטאַ ריערדאן, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט איז פארפליכטעט צו באשיצן אלע ארבייטער, באזונדערס אזוי ווי עקסטרעם הייסע וועטערס ווערן מער און מער אפט. אונזערע אנווייזונגען וואס זענען היינט פארעפנטליכט געווארן רעכענען אויס קריטישע שריט וואס ארבעטסגעבער קענען אונטערנעמען צו היטן אויף ארבייטער ווען זיי זענען אינדרויסן. צוזאמען טוהען מיר שאפן זיכערערע ארבעטספלעצער און פלעגן א קולטור פון געזונטהייט און זיכערהייט אריבער ניו יארק סטעיט."

אנדערע אינציאטיוון און פראגראמען וואס הייבן ארויס די געזונטהייט און זיכערהייט פאר ארבייטער רעכענען אריין וועבינארן פון די **סטעיט'ס ארבייטער פארגוטיגונג באורד (Workers' Compensation Board)** וואס העלפן ניו יארקער פארשטיין קריטישע רעכטן און שוץ מאסנאמען. לכבוד די 'געזונט און זיכער' וואך וועט די באורד אפהאלטן א נייע וועבינאר מיט די געזונטהייט און זיכערהייט דירעקטארין פון די באפעלאו AFL-CIO צענטראלע לעיבאר קאונסיל - Communications of America (CWA) לאקאל 1168, דעניס עבאט, היינט, אויגוסט 12, זיך קאנצענטרירנדיג ספעציפיש אויף ארבייטער'ס זיכערהייט. נושאים וועלן אריינרעכענען די וויכטיגקייט פון ארבעטספלאץ זיכערהייט, רעכטן פון ארבייטער און שוץ מאסנאמען, לעיבאר פארוואלטונג זיכערהייט קאמיטעען, מאסנאמען צו גיבן א רייך פאר ארבעטסגעבער צו פארשטערקערן זיכערהייט און אנדערע רעקאמענדירטע סטאנדארטן צו האלטן ניו יארקער זיכער ביי די ארבעט. אין צוגאב וועט דער באורד'ס אדוואקאט פאר פארוואונדעטע ארבייטער אפהאלטן די חודש'ליכע ארבייטער'ס פארגוטיגונג וועבינארן – וועבינאר 101 אום אויגוסט 13 און וועבינאר 202 אום אויגוסט 27 – צו העלפן ארבייטער פארשטיין זייערע רעכטן אונטער דעם ארבייטער'ס פארגוטיגונג געזעץ און וויאזוי צו אריינגעבן א קלעים פאר בענעפיטן. אינפארמאציע איבער אלע די וועבינארן, אריינרעכנענדיג די לינק זיך צו רעגיסטרירן, קענען געזעהן ווערן אויף די בעפארשטייענדע וועבינארן (Upcoming Webinars) בלאט אויף די באורד וועבזייטל. רעקארדירונגען וועלן פארעפנטליכט ווערן אויף די באורד'ס וועבזייטל נאכפאלגנדיג די וועבינארן.

**די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט, ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT), סטעיט פאליציי און די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטעט (Governor's Traffic Safety Committee)** האבן געארבעט צוזאמען אויף עטליכע גרויסארטיגע אינציאטיוון צו האלטן ארבייטער זיכער אויף ניו יארק'ס שאסייען און בריקן. דאס רעכנט אריין דער אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג (Automated Work Zone Speed Enforcement) פראגראם, דער אויסגעברייטערטער 'מוּאוו אָווער' געזעץ וואס פארלאנגט זיך אריבערצורוקן פאר אפגעשטעלטע קארן און אזוי אויף 'אפעראציע שוץ הוט' (Operation Hard Hat). די אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט נאכפאלגונג אינציאטיוו איז געווידמעט צו פארשטייטערן דרייווערס אין ארבעט זאנעס דורכן נוצן ראדאר צו אידענטיפיצירן קארן וואס פארן העכער די ספיעד לימיט. לעצטע יאר איז די העכסטע שנעלקייט וואס איז רעקארדירט געווארן געווען א דערשטוינענדע 139 מ.פ.ש. אויף רוּט 104 אין די פינגער לעיקס. דאס יאר איז די העכסטע שנעלקייט וואס איז רעקארדירט געווארן געווען אויף די אינטערסטעיט 95 אין ניו יארק סיטי מיט 117 מ.פ.ש. 'אפעראציע שוץ הוט' נעמט אריין סטעיט טרופערס און לאקאלע פאליציי אפיצירן געקליידעט ווי הייוועי אויפהאלטונג ארבייטער אין אקטיווע ארבעט זאנעס צו אידענטיפיצירן און גיבן טיקעטס פאר דרייווערס וואס פארן אריבער DOT'ס אקטיווע ארבעט זאנעס שנעלער ווי ערלויבט. ביז יעצט אין 2024 זענען 1,447 טיקעטס געגעבן געווארן דורך געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אונטער דעם פראגראם.

**די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets, AGM)** האט אנווייזונגען אויף איר וועבזייטל גיבנדיג פאר פארם ארבייטער וויכטיגע פארמיידונג מאסנאמען צו פארמינערן די ווירקונגען פון עקסטרעמע היץ. די דעפּארטמענט איז אויך לעצטנס אריין אין א שותפות מיט די ניו יארקע צענטער פאר אגריקולטורישע מעדיצין און געזונטהייט (New York Center for Agricultural Medicine and Health, NYCAMH) צו אפהאלטן א נייע וועבינאר פאר פארם אייגנטימער און ארבייטער קאנצענטרירט אויף די פארמיידונג פון היץ קרענק. די פרעזענטאציע, וואס קען געזעהן ווערן אויף די AGM'ס YouTube בלאט, האט געדעקט נושאים ווי יעצטיגע און צוקונפטיגע היץ סטאנדארטן; נייע OSHA פארגעשלאגענע רעגולאציעס און זאכן צו נעמען אין באטראכט פאר ארבעטסקראפט; סימנים, סימפטאמען און ערשטע הילף פאר היץ קרענק; און פארמיידונג סטראטעגיעס, אריינרעכענענדיג מאטעריאלן צו באקומען פאר פארם ארבייטער. אין צוגאב שטעלט די דעפּארטמענט צו פינאנצירונג פאר NYCAMH צו איינפירן וויכטיגע ארבעטער זיכערהייט פראגראמען, ווי די 'דזשאן מעי פארם זיכערהייט קאסע' (John May Farm Safety Fund) און די

נאציאנאלע צוריקצאלונג פראגראם וואס שטופט ארבעטסגעבער צו אינסטאלירן סטרוקטורן וואס באשיצן מאשין דרייווערס אין פאל וואס עס דרייט זיך איבער (Rollover Protection Structures, ROPS). די AGM שטעלט אויך צו פינאנצירונג פאר NY FarmNet, וואס אפפערט קריטישע סערוויסעס צו שטיצן די אגריקולטורישע אינדוסטריע, אריינרעכענענדיג פינאנציעלע פלאנירונג און א האַטליין פאר גייסטישע געזונטהייט אנגעלעגנהייטן.

**די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט** ארבעט צו באשיצן די געזונטהייט פון ארבייטער דורך עטליכע איניציאטיוון, אריינרעכענענדיג די וויסנשאפטליכע און אדמיניסטראטיווע אויפזיכט און קאארדינאציע פון די [ניו יארק סטעיט באשעפטיגונג געזונטהייט קליניק נעטווארק (New York State Occupational Health Clinic Network)](), די לאנד'ס איינציגסטע סטעיט-באזירטע קליניק נעטווארק ספעציפיש פאר געזונטהייט פון ארבייטער; אידענטיפיצירן וואו ארבייטער קענען אויסגעשטעלט ווערן צו בליי דורך די אפיציעלע שווערע מעטאלן ליסטע (Heavy Metals Registry); און מערסט לעצטנס — האט זיך די סטעיט העלט דעפּארטמענט אנגעשלאסן אין די מולטי-אגענטור אונטערנעמונג צו אויפקומען מיט אן 'עקסטרעמע היץ אקציע פלאן' פאר ניו יארק סטעיט, וואס אדרעסירט, צווישן אנדערע, געזונטהייט פון ארבייטער דורך אקציע פלענער צו פארמיידן היץ-פארבינדענע קרענק צווישן ארבייטער.

**ניו יארק סטעיט ארבייטער פארגוטיגונג באורד פארזיצערין, קלאריסע ראדריגעז, האט געזאגט,** "קיינער גייט נישט צום ארבעט ערווארטנדיג צו פארוואונדעט ווערן. זיי זענען דארט צו פארדינען פרנסה, צו אויסהאלטן זיך און זייערע פאמיליעס, און עס איז קריטיש אז מיר זאלן טוהן אלעס וואס מיר קענען צו פארזיכערן זייער געזונטהייט און זיכערהייט אויפן דזשאב. דורך די באורד'ס אומזיסטע וועבינארן, האפן מיר צו מיטטיילן אינפארמאציע וואס וועט אויפקלערן ארבעטסגעבער איבער זייערע פליכטן און גיבן די כלים פאר ארבייטער זיך צו לאזן הערן צו באקומען זיכערערע ארבעטספלעצער."

**טרו-ווער אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק ג. האור, האט געזאגט,** "זיכערהייט איז ביים הארץ פון אלעס וואס מיר טוהען ביי די טרו-ווער אויטאריטעט, און עס איז די ערשטע יסוד פון אונזערע וועג-ווייזנדע פרינציפן. זינט אנהויב יאר האט די אויטאריטעט'ס דעפּארטמענט פון ארבעטער זיכערהייט און געזונטהייט דורכגעפירט צענדליגע זיכערהייט טרענירונגען און באגעגענישן, ערמעגליכט צענדליגע ארגאניזירטע זיכערהייט אפּהאנדלונגען אויפן פלאץ פון די ארבעט צו פארשטערקערן די זיכערהייט אין ארבעט זאנעס, דורכגעפירט מער פון 200 אינספעקציעס און אויספארשאונגען און ארויסגעקומען מיט די ערשטע הילף/AED/CPR/אפשטעלן בלוטיגונג און פסיכאלאגישע ערשטע הילף טרענירונג פראגראמען פאר איינגעשטעלטע אריבער די סטעיט. אונזער ציהל זעצט פאר צו אנטוויקלען א קולטור וואו זיכערהייט און געזונטהייט זענען הויפט ווירדן."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גארנישט איז וויכטיגער פון די זיכערהייט פון אונזערע מאנשאפט מיטגלידער ביי די DOT, און 'אפערעציע שוץ הוט' און אונזער ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג איניציאטיוו זענען ספעציפיש אויסגעשטעלט צו האלטן ארבייטער זיכער ווען זיי זענען אינדרויסן אויף אונזערע שאסייען און בריקן אריבער די סטעיט. מיר מוטיגן די פובליקום וואס דרייווט צו געדענקן אז לעבנס זענען בוכשטאבליך אויפן וואגשאל און צו פארן שטייטער און צולייגן קאפ ביים אריבערפארן ארבעט זאנעס."

**סטעיט אגריקולטור דעפּארטמענט קאמישאנער, ריטשארד באל, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס אגריקולטורישע ארבייטער שפילן א קריטישע ראלע אין אונזער עסנווארג סיסטעם, און זיי זענען וועזנטליכע ארבייטער וואס מאכן זיכער אז אונזערע פאמיליעס האבן צוטריט צו פרישע, לאקאלע עסנווארג. די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס איז שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט א צאל פון אגריקולטורישע ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו א צאל פראגראמען וואס קאנצענטרירן זיך אויף די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע פארם ארבייטער, אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען אין ריכטונג פון

אונזערע ציהלן צו פארשטערקערן די קייט פון עסנווארג פראדוקציע און צו פארגרעסערן אונזער אינדוסטריע."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן אן ארבעטספלאץ וואס נעמט זייער געזונטהייט און זיכערהייט ערנסט. פילע ארבעטספלאץ פארוואונדונגען און קרענק קענען פארמיטן ווערן, און דערפאר ארבעט די סטעיט העלט דעפארטמענט צוזאמען מיט ביזנעסער און קאמיוניטיס צו אויפקומען מיט ווירקזאמע פארמיידונג סטראטעגיעס און צו אויפקלערן די ארבייטער, ארבעטסגעבער און העלט קעיר פּראָווײַדערס צו אדרעסירן געזונטהייט און זיכערהייט אנגעלעגנהייטן פון ארבייטער. די 'געזונט און זיכער' וואך איז א פאסיגע צייט צו אנערקענען ניו יארק'ס געטרייע ארבעטסקראפט און זייער רעכט צו בלייבן פריי פון פארמיידליכע סכנות, צו בלייבן זיכער דורכאויס עקסטרעמע וועטערס און צו האבן צוטריט צו צופרידנשטעלנדע זיכערהייט טרענירונג און עדזשוקעישען צו פארזיכערן אז זייער ארבעטסקראפט איז באמת זיכער."

**איבער 'געזונט און זיכער' וואך**

['געזונט און זיכער' וואך]() איז א נאציאנאלע געשעעניש וואס ווערט אפגעהאלטן יעדן אוגוסט צו אנערקענען די הצלחות פון ארבעטספלאץ געזונטהייט און זיכערהייט פראגראמען און צו אפפערן אינפארמאציע און געדאנקען איבער וויאזוי צו האלטן אמעריקע'ס ארבייטער זיכער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן